STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11832

TRIT TSVISHN GRUDES

Sara Shabath

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שרה שבת / טריט צווישן גרודעס

הוצאת אסופת שירים זו נסתייעה ע״י קרן תל־אביב
לספרות ולאמנות ע״ש י. רבינוביץ וע״י קרן־עידוד
שע״י הוצאת „ישראל־בוך״.

אַ האַרציקן דאַנק די אַלע וואָס האָבן מיר דער־
מעגלעכט אַרויסצוגעבן דאָס בוך, און בראש וראשונה
מײַן פרײַנד מורי ורבי המשורר יעקב צבי שאַרגעל.

שרה שבת

טריט צווישן גרודעס

לידער

פאַרלאַג „ישׂראל-בוך"
הילפספאָנד פאַר ייִדיש-שאַפונג
תל-אביב, תשמ"ט — 1989

שרה שבת

שעלים ברגבים

שירים

SARA SHABATH

TRIT ZWISHN GRUDES

Poems

שרה שבת

טריט צווישן גרודעס

לידער

©

Israel-Book Publishing House
4, Itamar Ben-Avi Str. Tel-Aviv, P.O.B. 1777

פאַרלאַג „ישראל-בוך"
הילפספאַנד פאַר יִדיש-שאַפונג
רחוב איתמר בן-אבי 4, תל-אביב, ת.ד. 1777

נדפס בישראל תשמ"ט
Printed in Israel, 1989

סודר ונדפס בדפוס "שמגר 1986" ת"א

לילדי
תמרה, אמציה ושולה
באהבה

טריט צווישן גרודעס

שטייט אַ מענטש

שטייט אַ מענטש
אינמיטן וועלט,
ווּהין פירט אים דער וועג? —
צו דער זון,
צו קעלט?
ווען מלאכים
אים ווײַזן דעם וועג,
אפשר וועט ער בלאָנדזשען גאָר
אָן סטעזשקעס, אָן שטעג?
וועלן אים שטראָמען
און כוואַליעס פאַרשווענקען
דעם טאָג, דעם גוטן.

שטייט זיך אַ מענטש
פאַרחלומט, פאַרקלערט: —
ווו זאָל ער בויען
זײַן קליינעם געצעלט,
ווּהין זאָל ער זיך קערן
אין אָט דער גרויסער וועלט?

איך צייל די ווינטערס

א.

איך היט די קינדערס
זיסן שלאָף
אין ווינטער נעכט.
דער ווינט
פײַפט צווישן צווײַגן:
אַ רעגן גיסט.
אוי, ווי שווער איז צו שלעפּן
די פיס אין שטיוול
מיט גרודעס ערד
פאַרקלעפּט.
שלעפּן, שלעפּן.
פינצטער איז אַרום.
דאָס איינציק ליכט קומט פון פּאַנאַר.
איך היט עס אָפּ אין עמער
פון ווינטן און פון רעגנס
ס'זאָל ניט פאַרגיין.

איך האַלט קוים
די אויגן אָפן
און וואַרט.
עס בייגט מײַן קאָפּ זיך הין און הער
און וואַרט מיט מיר
אויפן קומענדיקן טאָג.

אויפן קומענדיקן טאָג.

ב.

מיד פון אַרבעט,
מיד פון יאָרן
רו איך אַצינד, איך שלאָף.
האָט מיך אויפגעוועקט
דער האָגל.
ער קלאַפּט, ער רעשט.
איך שפּרינג אַראָפּ פון בעט
נאָר עס לאָזט ניט אָפּ דער געדאַנק
אַז איך דאַרף הײַנט היטן
קינדערס שלאָף,
קינדערס וועלט.
זאָג איך צו זיך אַליין:
„פאַרגעס ניט,
אויך דײַן טאָכטער היט,
זי היט דעם נײַעם דור,
און דו צײלסט די ווינטערן,
זײַ צופרידן, זײַ,
וואָס דו צײלסט זיי
נאָך״...

ר׳איז געקומען

ווי אַלע מײַנע ווינטערן
איז אויך ער געקומען
מיט ווינטן.
רעגנס נעמען מיך אַרום
און די וועלט אַרום מיר —
מיט אײַזערנע אָרעמס.
יאָר נאָך יאָר.
אַ נײַגעריקער, דער טראָפּן
אויף אַ גרין בלעטל
זיך פאַרהאַלטן,
און דערנאָך
פרייִלעך, לוסטיק,
געשפּרונגען
מיך באַגריסן.
נעם איך פרײַנטלעך אים אויף
אַ צוגעווינטע, אַן אייגענע
ער קען ניט די וועלט
ער זעט דאָך ניט די פינצטערע וואָלקנס
בלויז די זון וואָס האָט פּלוצלינג
פאַרשײַנט.
פאַלט דער טראָפּן מיט אימפּעט,
מיט הנאה צו מײַנע פיס
און איך זע אין אים דעם ערשטן
וואָס ברענגט האָפונג די גראָזן,
אין אַלע ווינטערן דורכאַנאַנד.

פאַרנאַכטן

אין פאַרנאַכטן
זיצט מען מידע פון דער אַרבעט,
נאָר־וואָס דעם שווייס אָפּגעוואַשן,
מען לייענט, מען טראַכט.
מען דערמאָנט דעם טאָג וואָס איז אַוועק
אָפּטמאָל די אַמאָליקע טעג,
וואָס זענען געווען,
און זאַכן וואָס זענען געשען.
בלומען האָבן געבליט
און יונגוואַרג —
זיי האָבן געגליט און געשטרעבט
און ליבעס געוועבט,
נאָר איצטער, אין פאַרנאַכטן,
אוי, ווי גוט איז וועגן דעם
צו טראַכטן
און זאַכן אויסטראַכטן,
וואָס גיבן צו מוט
די נאַכט אָפּצוּוואַרטן,
און די נעכט וואָס קומען
אָן ליבע,
אָן בלומען.

אָ, ווי גוט וואָס יעדער איינער
האָט אייגענע פאַרנאַכטן,
איידער די נאַכט פאַלט צו.

נעבט

א.

אַ קאַלטע נאַכט
אַ ווינטער־נאַכט
עס רוט דער הימל
טונקל בלוי.
נאָר שטערנדלעך פינקלען,
רופן שטראַלן,
אין דער נאַכט.
איז דאָס חלום
צי איך זע אין וואָר:
זיי שיקן אַ וואָרט מיר
פון אויבן,
אַ וואָרט און נאָך איינס
און מאַכן אַרום מיר אַ ראָד.
זיי דרייען זיך אין קאַראַהאָד,
זיי שרײַען צוזאַמען מיט מיר
צו דער וועלט
אַ פּראָטעסט
פאַר עוולות,
עס שלאָגן זיך
וואָרט מיט וואָרט
און מיינען דאָס זעלבע: —
שטעק אויס דײַן האַנט
אָן שטיין, אָן ביקס
אָן כעס, אָן חימה,
בלויז וואָרט,
וואָרט.

ב.

נאַכט.
די וועלט אַרום
געפאַרבט איז שוואַרץ.
פון פרעמדן פענצטער פאַלט אַ ליכט,
וואָס רופט, וואָס ווינקט
און פאַרבט אין העל אַ וועג
ביינאַכט.

עס גייט אַ מענטש אַליין,
ער שפּאַנט אין פינצטערניש פון נאַכט
דערגרייכן זײַן צוועק,
און עס ענדיקט זיך זײַן וועג —
ביינאַכט.

פון פרעמדנס פענצטער
שײַנט פלוצלינג אַרויס אַ ליכט
וואָס מאַכט אַ וועג דורך טונקל גראָז,
און ביידע ליכטער
באַגעגנען זיך ערגעץ ווײַט
אין פינצטערניש פון נאַכט.

דער פרעמדער רוט.
עס האָט זיך אויסגעלאָשן ס'ליכט
אין פרעמדן פענצטער. געבליבן איז ער ווײַט.
אַליין,
געבליבן שטיין
אין פינצטער
פון דער נאַכט.

*

אין די נעכט פון לבנה און שטערן,
אין די נעכט
קומט אָן וואַסער אין די רערן,
דרייט זיך אין אַ קאַראַהאָד.
טרינקען גראָזן,
טרינקען בלומען,
שטיפן טראָפּנס,
שטופּן זיך אין אַ ראָד.

אין די נעכט פון לבנה און שטערן,
אין די נעכט
קומען אָן געדאַנקען,
קומען אָן און גייען אום.
זוכסטו ווערטער,
רופסט די ווערטער,
ווילסטו זיי האָבן וואָס מער.
קומען זיי ווי שטיפער
שטעלן זיך אין אַ ראָד,
דרייען זיך און לויפן,
אָט געקומען — שוין אַנטלאָפן,
און דו ווייסט ניט זייער מיין,
און דו ווייסט ניט זייער סוד.

*

צי זענען דאָס נאָר חלומות ?
האָבן דיך דײַנע געדאַנקען געטריבן
צו שטענדיקן האַוועז,
צו טאָן,
צו וועלן דערגרייכן,
ניט שטיין אויף אַן אָרט ?
צי זענען דאָס נאָר חלומות ?

גיי און גיי,
דו קאָנסט דאָך דעריאָגן
וואָס דו האָסט פאַרזאַמט
ביז איצט,
ביז הײַנטיקן טאָג.
ווי אַ האַנט פון אויבן
וואָס פירט,
ווי אַ קול פון אויבן וואָס רופט,
וואָס זאָגט און באַפעלט :
„עס גייט אַוועק דער טאָג !"
און דו —
פרעגסט ניט,
קלערסט ניט,
נאָר יאָגסט זיך און יאָגסט
נאָכן נעכטיקן טאָג.

זינגט צום פּויער!

דיכטער זינגען וועגן שטערן,
וועגן הימל־בלוי אין זומער־טאָג,
נאָר קיינער זינגט ניט וועגן פּויער
אין זײַן קלאָג —
ווען קוים זײַן רוקן
ער גלײַכט אויס
נאָכן יעטן לאַנגע בייטן,
ס'איז דאָך ווויל באַווּסט
אַז ווער עס זייט מיט טרערן
דער מיט שׂמחה שנײַדט.
נאָר ער, דער פּויער,
ווען די פעלדער זײַנע בעטן וואַסער,
בעת פאַרמאַכט עס זענען
די הימל־קראַנען —
וואָס טוט ער?

איז ווער וועט זינגען וועגן שטערן,
וואָס באַגיסט זיך
מיט זאַלציקן שווייס
ווען די זון באַקט די ערד
און ער, דער פּויער,
וואַרט אויף וואַסער
טאָג און נאַכט?
הערט זשע, דיכטער,
ווען איר זינגט פון זאַנגען
ניט פאַרגעסט דעם שווערן טאָג
פון דעם וואָס אַקערט און זייט.
זאָל כאָטש דער פּויער אין די געזאַנגען
האָבן זײַן אָרט.

מחשבות אין גאָרטן

א.

אין זײַן גערטל —
אַ רויז,
אין זײַן פעלד —
אַ זאַנג,
אין צימער —
מיט זײַנע געדאַנקען ער
און מיט זײַן געזאַנג.

ער פליקט פון קוסט די רויז אַראָפּ,
מיטן קאָמביין — דעם זאַנג,
זײַן מחשבות־גאַנג
מיט ווערטער ער באַפּוצט,
שטעלט זיי שורותווײַז
ווי זעלנער אויס,
און זײַן געזאַנג,
ווי זײַן מחשבות־גאַנג,
אין וועג צו מענטשן
ער לאָזט אַרויס.
ווי פייגל ער לאָזט אַרויס.

ב.

אין מײַן גאָרטן,
בײַ מײַן פענצטער,
שטייט אַ הויכער ציפּרעסבוים.
נאָנט צון אים,
מיט ברייטע צווײַגן,
וואַקסט אַרויס אַ ניסנבוים.
איינער וויגט זיך אין דער ברייט,
דער צווייטער ציט צום הימל.
אין די נעכט פון ווינט און שטורעם
שושקען זיך די ביידע שטיל.
בייגט זײַן קאָפּ דער דינער ציפּרעס
מונטערט אים דער נוסבוים.
אָ, שיינע ביימער, הויכע, ברייטע,
האַלט זיך, האַלט צוזאַמען זיך,
וועט איר שטיין אַנטקעגן ווינט
לאַנגע, לאַנגע יאָרן.

*

ניט וווּנדער זיך
אויף מײַן שטענדיק זוכן,
ס׳איז אַ טבע אַזאַ פון מענטש.
איך זוך אַ זונענשטראַל
אין קאַלטע פרימאָרגנס,
אַ שאָטן פון אַ בוים
ווען די זון באַקט,
אַ פרײַנטלעכן שמייכל —
ווען ס׳האַרץ איז אין טרויער.
ווען עס וועלקן די גראָזן
זייער גרינס איז אַוועק
זוך איך און זוך
דאָס ווײַסע פּאַפּיר
וואָס ליגט פאַר מײַנע אויגן
מיר נאָר פעלט דאָס וואָרט.

אין אַ רעגנטאָג

אין אַ כמאַרנעם רעגנטאָג,
פון הויכן באַרג גלבוע
אַ שטראָם קומט אָן,
אַ האַסטיקער.

וואָס טראָגסטו מיט זיך
פלוצלינגער?
וואָס ברענגסט דו מיט זיך
אַהער?
בלויז שטיינדעלער, בלעטעלער
און ברוינעם ליים?

נעם איך אַ בויגן פּאַפּיר
שרייב אָן ווערטער אַ פּאָר,
לאָז זיי לויפן מיטן שטראָם,
וועט עס בלייבן דאָ ניט ווייט
ליגן אונטער אַ שטיין?
צי אפשר וועט עס אַ מענטש געפינען
און צוגעבן צו דעם אַ ניגון?

און הילכן וועט דעמלט מיין ליד
אין רעגנדיקע טעג,
ווען עס שטראָמט וואַסער פון גלבוע
און בויט זיך אויס אַן אייגן וועג.

די פעלד־גרענעץ

(שיחות טאַבאַ)

ליעקב צבי שרגל

די מעזשע,
די ירושה פון זיידן,
דער גאָרטן דער גרויסער,
די הײַזער, די פעלדער,
נאָר קינדער, ווי שטענדיק,
אַ קריג פאַר ירושה פאַרפירן.
געבליבן בלויז שותּפעס דער גאָרטן,
ווו עס וואַקסן קאַרטאָפּליעס און רעטעך,
און צווישן די קאַרטאָפּל און אוגערקעס גרינע —
אַ מעזשע.
רוען דאָרט די ווײַבער און קינדער
נאָכן פאַרזעצן די קאַרטאָפּל,
נאָכן יעטן די בייטן,
בײַ אָט דער קליינינקער גרינינקער מעזשע.

אַזוי דור נאָך דור.
מען ווערט אויס משפּחה, אויס ברידער,
מען ווערט קרובים ווײַטע און שכנים,
ביז מיט צאָרן מען טיילט און צעטיילט זיך.
די גרינס־בייטן וועלוולען,
די קאַרטאָפּליעס־בייטן בערלען.
און עס אַרבעטן ווײַטער
בערל און וועלוול אין גאָרטן אין זעלבן,
נאָר די מעזשע צווישןביידן צו רוען און צו עסן
איז גרענעץ צווישן איין פאָלק און צווייטן.

װעלװל װיל פֿאַרפּלאַנצן אַ דאָמב אױף דער מעזשע,
„עס װעט זײַן קילער״ —
זאָגט ער צום „שכן״, צו בערלען,
„די מעזשע איז מײַנע״ — זאָגט בערל,
איך װעל דאָרט פּלאַנצן אַ סאָסנע,
אַ מחיהדיקן ריח גיט דאָך די סאָסנע...
און עס שטײען שױן אַנטקעגן
ניט בערל מיט װעלװלען,
נאָר אַ בער קעגן אַ װאָלף
און שרײַען בײדע מיט לאָפּעטעס אין שטאַרקע הענט:
„די מעזשע איז מײַנע!״
און עס קומט שױן צו געשלעגן
צו בלוטיקע, חס ושלום,
צװישן די שכנים, די קרובים — די ברידער.
און צװישן זײ ליגט —
די שמאָלינקע מעזשע.

מען גײט צו אַ דין־תּורה,
חכמים, דײנים און רבנים
קנײטשן די שטערנס
צו װעמען, צו װעמען
געהערט אין דער אמת
די שמאָלינקע מעזשע
דאָס שטיקל ניט־באַאַרבעטע פּעלד — די גרענעץ?
און בעת די ברידער אין ברוגז
זענען גרײט אױפֿן ערגסט,
ליגט די מעזשע אַ ליכטיקע,
אַ זוניקע,
אַ פֿרײַע.

ער שפּאַנט אין פעלד

לפּ וע. ראובני

פעלדער ווײַטע, פעלדער ברייטע,
פעלדער גרינע און פאַרזייטע,
עס שפּאַנט אַ מענטש און די אויגן ווײַט:
אוי, ווי גיך פאַרגייט די צײַט...
יונגערהייט האָט ער אויף דעם פעלד
שאָף געפּיטערט,
און מיט אויגן גאַרנדיקע
געשעפּט די שיינקייט פון דער וועלט.
געליבט האָט ער די ווײַטקייט
געלאָקט, גערופן האָט זי אים
שטענדיק, ער האָט געהאָפּט
צו שפּאַנען ווײַט און ווײַטער.
מיט הייסע דורשטיקע ליפּן
די כוואַליעס געקושט אין די נעכט;
פּליטים־לײַט פון שיפן אויף זײַן רוקן
צום ברעג ער האָט געבראַכט.
נאָר, אַך ווי יאָרן לויפן!
אויך ער איז פון לויפן מיד
און אַלטע ליבעס זײַנע
אַרײַן אין אַ פאַרגעסן ליד.
אַרבעט ער אין גערטל
מיט הענט פול טוי און ערד,
גראָבט דעם באָדן מיט אַ רידל —
ווי דאָס וואָלט זײַן זײַן שווערד.
נאָר אָט זע איך פון ווײַטן,
מיט חלום אין זײַן בליק,
ער שפּאַנט האָפערדיק אין פעלד,
ווי מיט יאָרן, יאָרן צוריק.

מייַן חלום־שטול

מיט נאָדל און פאָדעם
האָב איך הייַנט
צורעכט געמאַכט
מייַן ליבע שטול.
שטולן בייַ מיר פאַראַן אַ סך
נאָר איינע איז פאַרן חלום —
צו רוען אויף איר און טרוימען.

זעץ איך זיך אין מייַן חלום־שטול,
דער הימל בלויער איז פון בלוי.
און די הייסע טעג ער טראָגט מיך צוריק
צום ווינטער, צו רעגן,
צום באַרג,
צו די פעלדער, צו בלומען.
און אָוונטן, ווי עס ווינקען נאָר די שטערן
און רופן מיך צו זיך,
פאַרמאַך די אויגן
און חלום,
און חלום.

און עס וויגט זיך מיט מיר צוזאַמען
די פון שטרוי געפלאָכטענע חלום־שטול,
מיט אַ נאָדל־פאָדעם איך ניי פאַר איר אויס
און ווינטש איר לאַנגע יאָר.
נאָר וואָס טוט מען איצט מיט מיר,
ווי ריכט מען אויס עפּעס פאַר מיר?

דאָס טאַקע פרעג איך איצט דעם חלום.

די טרעפּ

לד״ר דב ירדן

צי האָסטו געזען יענע הײַזער
מיט פינצטערע אויגן, בלינדע,
די טרעפּ וואָס פירן צו צימערן פּוסטע,
צו בוידעמס,
צו דעכער ?
איך זע זיי
מיט אויגן פון מײַן געדאַנק :
אין ווילנע, וואַרשע,
די טרעפּ פון בעטאָן,
פון שטיין און ברעטער,
די טרעפּ וואָס קיינער
וועט קיינמאָל ניט ניצן.
אין נעכט פון ווינט,
אין פינצטערע נעכט פון רעגן,
פון שניי,
זיי סקריפּען און דערציילן
איינער דעם צווייטן : —
געדענקסט,
ווי זיי פלעגן דאָ זיצן
ווען טאַטע־מאַמע שוין געשלאָפן,
ווי הייס זענען געווען
זייערע קושן און זייערע רייד ?
„איך געדענק״ —
זאָגט אַ טרעפּל צום אַנדערן.
געדענקסט דעם זיידן, מיד פון גיין,
ער פלעגט זיך זעצן אויף מיר
זיך אָפּרוען און ממשיך זײַן,
דעם יינגל, דעם שטיפער געדענקסטו,

ער פלעגט דאָך ניט גיין אויף מיר
נאָר זיך גליטשן פון פּאָרענטש
און די מאַמע זײַנע פלעגט אַראָפּשרײַען:
„ניט רײַס דײַנע הייזעלער, שטיפער"
די מיידעלער מיט צעפּעלער דינע
פלעגן שפּילן אַרום דאָ אין קלאַסן
פאַרשוויצטע געזעצט זיך רוען
אויף מיר און אויף דיר —
געדענקסטו?
ענטפערט איין טרעפּ דעם צווייטן:
אָ. אָ. —
איך געדענק
און איך בענק!

מיין שאָטן

ער גייט מיר נאָך,
ער היט מיין טראָט
אַמאָל ביי זייט,
אַמאָל פאָרויס
ער ווייזט מיר דעם וועג.
ער שלעפּט זיך אָפּט נאָך מיר —
ביסט גערעכט,
דאָס איז דער רעכטער וועג.
און איך —
איך בלייב דיין שטענדיקער באַגלייטער.

און אַז איך מיין לעצטן וועג
וועל מאַכן אַמאָל,
לאָז איך איבער אין דאָרף
מיין שאָטן
מיין באַגלייטער.
און אַז עס וועט געפינען אים
אַ יונגער מענטש
וואָס גייט אין וועגן מיינע,
וועט שטאַרקער ווערן זיין טראָט,
ווייל דעם שליאַך וואָס איך געלאָזט האָב
וועט געפינען זיין באַגלייטער.
און שטאַרקער בלייבן וועט מיין דאָרף
פון די נייע טריט אויף אַלטן וועג.

אין שטילן דאָרף, אין מיינעם.

אין האַלבער זומערנאַכט

הייס.
דער ברונעם דערמאָנט זיך:
מען מוז אָנפילן די באַסיינען,
שיקן וואַסער אין די רערן,
צעשפּילט ער זײַן מוזיק.

אין געפילדער גרויסן
אַזש די הענער זיך צעקרייען
און די הינער העלפן צו.
אויך אַ הינטל האָט זיך דערמאָנט
זײַן חלק צו דערלאַנגען
און צעבילט זיך האַוו־האַוו.

אַן איינזאַמער גייער,
זײַנע אויגן האַלב־פאַרמאַכט,
לויפט צו דער אַרבעט אַזוי פרי,
שפּילט ער אויס זײַנע טענער
אויף איינזאַמען שטעג.

אָבער באַלד וועלן קלאַפּן
די אָנגעהייצטע מאַשינען,
אויך דער טאָג וועט זײַן מוזיק אויפשפּילן.
ווײַל אַוועק איז די זומערנאַכט,
אַוועק,
אַוועק.

אין גאַנג

גיין,
גיין,
אין די טריט פון דער זון,
ניט בלײַבן אין מיטן וועג
שטיין,
ווײַל שטענדיק לאָקט
אַ ליכט פון ווײַטן
און זאָגט אונדז צו
בעסערע צײַטן.
און אַז עס קומט
אַ ליד דיר אַנטקעגן
זינג פאַר זיך,
זינג אַליין,
ניט אָפּהאַלטן
זאָל עס
דײַן
גיין.

*

דאָס האַרץ
וואָס קלאַפּט שטענדיק צום טאַקט
האָט זיך פּלוצלינג געגעבן אַ ריס,
אַ פלי,
ווי דאָס פייגעלע
וואָס צעלאָזט די קרילעס
וויל פליִען און —
קאָן ניט.

וואָס איז מיט דיר, האַרץ מײַנס,
פון מײַן ברוסט ביסט שיר אַנטלאָפן.
דו, איינע,
פון דיר טו איך רעדן,
די האַרציקע ווערטער,
די ברכות —
פון דיר טו איך שיקן
די מתּנות בסתר,
די האַרציקסטע.
פאַרוואָס זשע האָסטו הײַנט זיך
פאַרמאַטערט פון גיין
ווי אַוועקפליִען וואָלסט ווען
פון מיר,
און מיך דאָ לאָזן אַליין...

פון וואַנען

פון וואַנען איז געקומען
די היינטיקע נאַכט ?
מיין בענקשאַפט — פון וואַנען ?
חשבונות פון חלומות
וואָס איך האָב פאַרמיטן —
ווער האָט דאָס צו מיר געבראַכט ?
אָפשר דער מילדער ווינט,
דאָס פרילינג־בליִעכץ
צי גאָר פייגל־געזאַנג
האָט היינט מיין שלאָף
צונישט געמאַכט.
נאָר איך ווייס ניט
ווער און פון וואַנען.

מײַן ליד

א.

מײַן ליד —
אַן אָפּן אויג,
אַן אָפענע טיר,
דאָס שאַפט ס׳געזאַנג
וואָס שפּילט אין מיר.

אַ ליכט פון אַ פענצטער
אין פינצטערער נאַכט
וואָס גיט צו מוט
דעם היטער וואָס וואַכט.

און אַלץ אַרום מיר
וואָס וואַקסט און וואָס בליט —
דאָס איז מײַן לעבן,
דאָס איז מײַן ליד.

ב.

מיט פּשוטע ווערטער
עס ווילט זיך מיר
אונדזער פּשוט לעבן
באַשרײַבן.
אפשר וועלן דווקא
די פּשוטע רייד
אין זכּרון פון אַנדערע
בלײַבן.

בוים און גלאָק

אַ בוים מיט אַ גלאָק
באַלאַדע

אַ חלוץ קומט מיט לערע הענט
נאָר טראָגט מיט זיך אַ טרוים:
בײַ זײַן געצעלט צופוסנס דעם באַרג
אויסוואַקסן זאָל דאָ אַ בוים.

פאַרזעצט ער דאָרט אַ נידעריקן פלאַנץ
און ס'איז אים טאַקע געראָטן,
מיט דער צײַט — אַ הויכער דעמב
וואָס גיט אים אַ ברייטן שאָטן.

אָ, ווי הויך צעוואַקסן איז זײַן בוים
זײַן שטאַם איז רונד, ברייט, פעסט,
פייגעלעך פליִען דאָ אַרום
און בויען זיך אַ נעסט.

קומען אָן טעג און יאָרן
נישטאָ שוין מער קיין געצעלט,
עס שטייט בײַם בוים דער זאָל פאַר עסן,
דער צענטער פון זײַן וועלט.

אין איינעם אַן אָוונט
טוט אַ זאָג דער שמידער:
איך וויל פון אײַזן
אויסשמידן דאָ אַ גלאָק,
און זאָל דער גרויסער, שטאַרקער גלאָק
הענגען אויפן בוים,
און מיט זײַן קלאַנג אונדז זאָגן:
„שטייט אויף, עס טאָגט דאָך שוין!"

שלאָפן חברים און הערן גלאָקן קלינגען,
חלומען זיי פון אַלטער היים,
ווי גלחים מיט איקאָנעס
פלעגן אומגיין און זינגען.

שפרינגען אַלע פון געלעגערס
און קומען זיך צונויף.
ערשט דער גלאָק, ער רופט אין פעלד גאָר
די אַלע פון דעם הויף.

אין פעלד, אין גאָרטן ברענט די זון שוין,
דער מענטש אָטעמט קוים,
און אָט דערהערט זיך בים און באָם —
דער גלאָק רופט אַ היים.

אין עס־זאַל איז פול און פיל,
מע עסט, מע טרינקט, מע לאַכט,
געענדיקט שוין דער אַרבעט־טאָג
באַלד פאַלט צו די נאַכט.

אין שווערע טעג, אין טרויעריקע,
מען שיסט, מען לויפט זיך ווערן.
עס ברענט די תבואה אויפן פעלד —
דער קול פון גלאָק איז פול מיט טרערן.

צוגעווינט זיך צום בים־באָם
ווי ס׳קאָן גאָר אַנדערש ניט געבן,
דאַכט זיך יעדן: אָן דעם גלאָק,
שטעלט זיך אָפּ דאָס לעבן.

נאָר איין נאַכט אין אַ ווינטער,
אַ ווינט, אַ בוריע שטורעמט,
רײַסט דעם הויכן דעמב אַרויס,
וואָס פֿאַלט מיט גלאָק אין אָרעם.

שטייען חברים אויף פֿאַרטאָג,
צעשפּרייט עס ליגן זײַנע צווײַגן,
מיט ליבע האַלדזן זיי דעם גלאָק —
נאָר בוים און גלאָק שווײַגן.

געענדיקט האָט זיך די אַלטע תּקופֿה
איצט וועקט אונדז דער זייגער
און יעדער ווייסט זײַן שעה, זײַן צײַט,
ווי אויפֿן אַלטן שטייגער.

די אַלטע שיך

אַ פּאָר אַלטע שיך
האָט עמעץ פֿאַרגעסן
אינמיטן קבוץ אויף אַ באַנק.
האָט מען זיי שוין אויסגעטראָגן
נאָר שיידן זיך מיט זיי
ניט געוואָלט,
צי סתּם פֿון געאײַלעניש
זיי דאָ געלאָזט,
און דיביידע קרומע שיך
אַוועקגעשטעלט —
ווער ווייסט?

ער וועט קומען זוכן,
(און אפשר זי?)
די טרײַע באַגלייטער.
אין זיי געגאַנגען מ׳איז
אין פֿרימאָגן צו דער אַרבעט,
טעג נאָך טעג.

שטייען שיך עלנט,
מיט מײַלער אָפֿן:
מיר זענען דאָך ס׳גאַנץ לעבן
געטרײַ געגאַנגען מיט אײַך אין וועג,
טאָ נעמט אונדז איצטער, מיט מיט זיך
חברים, בני רחמנים,
מיר זאָלן נאָך אַ ביסל
כאָטש
מיט אײַך ווײַטער גיין.

*

ניט טוי, ניט רעגן,
ט'באַפאַלן די קללה דעם גלבוע.
נאָר פאַרעקשנטע האָבן געפּלאַנצט,
מיט וואַסער, באַגאָסן,
מיט שווייס, דעם גלבוע.
און עס וואַקסן ביימער —
אַ וואַלד אַ געדיכטער,
און טוי איז דאָ
און רעגן און שאָטן
אַ רוּאָרט פאַר מענטשן,
פּאַשע פאַר חיות —
דער הויכער גלבוע.

אַ שׂרפה אין לאַנד.
פעלדער ברענען,
תּבואה אין פלאַמען . —
עס ברענט דער גלבוע !

פאַרפינצטערט געוואָרן די פעלדזן,
די שטיינער — שוואַרץ
פרעגן אין אַנגסט איינער דעם צווייטן : —
איז דען אויף אים
די אַלטע קללה צוריק געקומען
און שטיין וועט ער פאַרשאָלטן,
אָן טוי און אָן רעגן ?
צי אפשר וועט קומען
אַ סוף צו די שׂרפות
און וואַקסן און גרינען ווידער
וועלן פעלדער און באַרג ? — — —

אָנזאָג

די דערנער,
די מיט נאָדלען באַצירטע,
האָבן זיך מיט אַמאָל צעבליט,
זיך אָנגעטאָן אין פיִאָלעט
און לאָקן דעם גייערס בליק.
די הויכע מאַלוועס,
פאַרפּוצט אין צאַרטן ראָז,
רופן, לייַכטן —
ליכט אין שבתדיקער נאַכט.
ס'איז פרילינג!
אַוועק איז שוין דער ווינטער
באַלד קלאַפּן וועט דער זומער אין טיר
מיט היצן, מיט טריקעניש, מיט שווייס.
מאַכן מיר דעם אָנהייב
און שנייַדן דעם עומר.
ציילן מיר וועלן ציילן
נייַן און פערציק טעג
ביז די תּבֿואה וועט ווערן צייַטיק.

כּפר עציון

רויטבאַקיק זענען די עפּל
אין כּפר עציון.
שמעקעוודיק די ווײַנטרויבן
פון כּרם
אין די בערג פון חברון.
זיס די פּערסיקעס אין גרויסן קויש
נאָר־וואָס פון סאָד געבראַכט.
און איך זוך מײַנע שפּורן דאָ,
די טריט פון פאַראַיאָרן
אין „שיר־השירים״־וועלדל —
דעם זכר פון די חברים
מיט זיי זענען מיר געגאַנגען
אין די בערג.
און דאָ איז אַלץ צעוואַקסן,
שיין,
ווידער האָט צעבליט דער הויף,
נאָר מײַנע חברים האָב איך אין ירושלים
אין קברים געפונען.

בלי, כּפר עציון,
בלי אין זייער זכר.

ערב זומער

די פייגל האָבן די ערשטע דערפילט,
די פייגל זענען די ערשטע געפלויגן
די צווייַגן פאַרכאַפּט,
אַ מלחמה געפירט פאַר אָרט.
די דזשעקאַראַנדאַ האָט איר בלויקייט צעגאָסן.
דוכט זיך נאָר־וואָס גרין געווען,
איצט זשמעניעס בלויקייט אין אירע צווייַגן.
דער ווינט לייגט זיי אויס —
אַ בלויער טעפּיך צו אונדזערע פיס.

און איך
איך זוך די געדאַנקען —
די פליגל מייַנע
זיי זאָלן מיך נעמען
הויך צו די צווייַגן,
דאָרט טונקען זיך טיף
און זייַן צוזאַמען מיט זיך,
מיט געדאַנקען מייַנע
אין ערב־זומערדיקן בלוי.

דער צירבוים

פאַרשעמט,
צניעותדיק
פאַרבליט האָט דער מאַנדלבוים,
ווי אַ יונג מיידל אין ראָז פאַרצירט
ניט וואַרפן זי זאָל זיך אין די אויגן,
ניט ברענגען, חלילה, צו קנאה.

הויל און נאַקעט דיביימער אַרום.
גרין שטייען די נאָדלביימער.
נאָר פּלוצלינג אַן אָנזאָג;
אַן איינציק בלעטעלע
פאַרפּוצט איז אינגאַנצן אין לילאַ.

ווער איז דאָס?
ווער האָט דאָס די העזה,
ווער רײַסט דאָס דעם בליק פון דעם גייער?
דאָס איז די קרוין פון וועלדל,
דער צירבוים
מיט זײַן לילאַ קודראַוון קאָפּ.
ווּעמען דער גייער קוקט אָן פאַרצויבערט,
נעבטן מיט נאַקעטע אָרעמס געשטאַנען,
הײַנט — ווי שיין איז זײַן אויסזע.

יאָ, עס קומט אים, דעם צירבוים
דער נאָמען די קרוין — כּליל החורש,
ווײַל ר׳איז די קרוין פון הויף,
די קרוין פון וועלדל.

*

זיבן וואָכן
ציילן פרומע
די טעג פון ערשטן שניט,
פון עומר,
ביזן ברענגען פרוכט פאַר גאָט.

דער זעלנער ציילט די טעג
פון קריג
ווען ענדיקט זיך שוין
דאָס בלוט פאַרגיסן.

מאַמעס ציילן די לאַנגע שעהען:
ווען זעט מען שוין די קינדער?
ווען קומען זיי אַהיים?

די פעלדאַרבעטער
האַלטן אין איין ציילן
די טעג פון זייען,
פון יעטן,
די טעג פון ווינטער־רעגן,
די טעג פון חמסינען,
זיי ציילן ביזן ברענגען
די תבואה
צו זיך אין שייַער.
כּדי ווידערציילן
און ווידער —
זאָרגן.

אין אַ זומערטאָג

די דזשעקאָראַנדע אין גרין
צויבערט, לאָקט, רופט:
פייגעלער קליינע,
קומט רוען אין מיר.
שווער איז דער זומערטאָג.
די בולבול־פייגל וואָס זינגען דאָ,
טרילן מיט אַ קול, אַ דינעם,
דאַוועגען צווישן מיינע בלעטער.
ס'אַראַ קאָנצערט —
טראַכסטו מיט הנאה.
אַנדערש מיינט דער פּיקהאָלץ.
אין שוואַרצן פראַק
פאַרהייבט זיין געקאַמטן קאָפּ
וואָס איז געשטרייפט מיט רויט
און הערט דעם קאָנצערט.
„עס פעלט די פּויק" — טראַכט ער,
און שטעלט זיך גלייך אַוועק
מיט אַ טוק, טוק, טוק,
און קלאַפּט צום טאַקט
צו יעדן זיסן בולבול־טאָן
און אָן רחמנות לעכערט ער
דעם שיינעם, גרינעם בוים.

דו שטייסט פאַרגאַפט
ביז דו פאַרשטייסט:
עס וויל זיך יעדער אויסרעדן
און דווקא אויף אַ קול.

אין עס־זאַל

אין עס־צימער
אויף אַ טעלער
מיט ציבל און אייל,
ליגט זיך און טובלט
אַ הערינג.

שוין לאַנג פונעם ים,
די כוואַליעס שוין פאַרגעסן,
ער ליגט איצט אויף אַ טעלער: —
נו, ווער וועט מיך עסן?

עס קומט אַרײַן אַ מיידל
פון אַרבעט גאָר מיד,
דאָך פלינק איז איר טראָט
און אויף די ליפּן אַ ליד.

זי זעצט זיך צו צום טיש
פון פּראַצע פאַרשמאַכט,
זי מאַכט צו אַן אויג, און
שוין דאָס צווייטע פאַרמאַכט.

זי פאַלט אַרײַן אין טרוים,
אין אַ חלום אַזאַ זיסן,
עס פאַרשווינדן שוין די מענטשן
אַרום איר בײַ די טישן.

זי זעט זיך אין אַ שיפל
זי גליטשט זיך אויף שטראָמען,
זי פאַרגעסט ווו זי איז,

זי פֿאַרגעסט אויך איר נאָמען.
זי טרינקט זיך! —
נאָר דאָ קומט איר אַנטקעגן
אַ פֿיש, ער העלפֿט איר אַרויס,
ער ברענגט זי
צוריק צו איר טיש.

עפֿנט זי די אויגן און שטוינט:
וואָס שטראָמען, ווו שיפֿל,
ווו פֿיש?
עס ליגט גאָר אַ הערינג
ביי איר אויפֿן טיש.

זי וויל אים ניט רירן,
ניט אומברענגען, חלילה,
ער האָט איר געהאָלפֿן
אין ים ביי איר זינקען.

און זינגט זיך ווידער
דאָס מיידל אַ ניגון
פֿון ים און פֿון כוואַליעס
וואָס וויגן און וויגן.

בערג

פֿאַרטאָג,
דער מאָרגנשטערן פֿאַרגייט, פֿאַרבלאַסט
די זון גייט אויף,
שיקט גאָלדענע שטרײַפֿן
אַראָפּ פֿון די גלעד־בערג,
וואָס קוקן מיט קנאה ווי וויסטע אַלמנות
צו די בערג און הייכן גלבֿועס.
זייערע אויגן פֿאַרמאַכט
דאָך רעדן רכילות
אויף די שכנים פֿון אַנטקעגן:
ווי פֿויל איז ער, דער גלבֿוע,
מיר היטן שוין דעם טאָל די דערפֿער צופֿוסן,
און דאָרט נאָך פֿינצטער, נאַכט.
נאָר דער גלבֿוע כאַפּט זיך אויף
ציט זיך אויס פֿאַמעלעך,
וואַשט זיך אין טוי,
וואַרפֿט אַ בליק צום שכן, צום ווײַטן
וואָס איז נאָך אַלץ אין נעפּלדיקן שלייער,
נאָר פּוצט זיך פֿאַר גאָט און פֿאַר לײַט
און מוסרט דעם גוטן גלבֿוע,
וואָס גרינט און קילט.

אָוונט.
מיד שלאָפֿט אײַן דער גלבֿוע
עס רוען אָנגעשפּאַרטע אָן זײַן רוקן
די דערפֿער אַרום.
אַ זילבערנע לבֿנה היט אים, באַלײַכט אים.
און מיט זײַנע שטרײַפֿן די צעבליטע
פּוצן זיך די וויסטע בערג פֿון גלעד.

דער ציפּרעס

א.

שטייט אַ ציפּרעסבוים אין ווינט,
שאָקלט זיך אויף רעכטס, אויף לינקס.
ער ווייסט גאַנץ גוט אַז
ער דאַרף אַלע ביימער יונגע
פון ווינטן און בורעס אויסהיטן.

ציטערט דער ציפּרעסבוים
דריקט די צווײַגן פון שרעק
און מורמלט צו זיך שטיל:
ווען גייען שוין די בייזע ווינטן,
ווען גייען זיי שוין אַוועק?...

און עס ווייסט דער הויכער בוים
דער אַלטער,
דער שטאַרקער,
אַז צעבראָכן וועט ער ניט ווערן, נאָר —
וועט אויסגיין שטייענדיק.

ב.

האָט מען דעם אַלטן בוים
פון דער ערד אַרויסגעריסן
מיטן שטאַם, מיט די וואָרצלען.
אָ, ער איז צופיל געזעסן.
ער האָט צופיל געזען, דער ציפּרעס.
ר'האָט מיט ווינטן זיך געשושקעט,
שטענדיק מיטן הויכן קאָפּ צוגעשאָקלט.
פאַר יעדן איינעם פון זיי זיך געבויגן.
ניט געאַרט האָט אים שטויב
וואָס האָט אויף זײַנע צווײַגלעך זיך אָנגעקליבן.
ביז געקומען ס'איז אַ שטים און געזאָגט: —
גענוג!
לאָז אונדז דעם ווינט כאַפּן,
שטויב עסן,
אָבער פון דער פרײַער זון
געניסן
און וויסן
אַז גאָרנישט שטייט אונדז ניט אין וועג
אַפילו ניט קיין ציפּרעסבוים.

קנאה

פריַ,
אָן צוימען,
אָן קאָלירן,
אָן טעמים,
נאָר וועקט קנאה,
וועקט שׂנאה —
דער ווינט.

די בלומען וואָס בליִען דאָ
שטייען צו דער ערד צוגעשמידט
מיט זייערע פאַרבן,
מיט די ריחות פאַרשיכּורט
ווי שקלאַפן, ווי קנעכט.

אָ, ווי גערן וואָלט איך
צום הימל געפלויגן,
צו דער בלוי, צום שייַן
צו דער זון —
רוימט איַין אַ זונבלימעלע דעם צווייטן.

נאָר דער ווינט
פליט פראַנק און פריַי אַרום
פון איין בוים צום צווייטן,
אָט קושט ער זיך מיט די בלעטער,
אָט וואַרפט ער זיך צו דער ערד
און חברט זיך מיט גראָזן.

בוקן זיך די בלומען
און שושקען זיך די גראָזן:

מען וואָלט אונדז נאָר לאָזן
וואָלטן מיר אויך אין לופטן געפלויגן.
רויטלען זיך פון קנאה בלומען
און פון צאָרן גרינען גראָזן: —
וואָלט מען אונדז נאָר לאָזן,
וואָלט מען אונדז נאָר לאָזן!

די אַסקעדיניע

וואָס שטופּט איר זיך?
וואָס האַלט איר די קליינע קעפּעלעך צוזאַמען?
ס׳איז גענוג אָרט אין מאַמעס אַרעמס,
גענוג שאָטן אין מאַמעס שויס.

די בינען
ווען שטענדיק אײַך געפינען
ווײַל אײַער זויערקייט און
אײַער זיסקייט לאָקט זיי, —
רופט זיי פון ווײַטן.
אויך פייגעלעך קומען אײַך באַזוכן,
פּיקן און צעבײַסן
און לאָזן פאַר די מענטשן
נאָר די ניט־צײַטיקע, די גרינע.

נאָר זי האָט ליב די געסט די אַסקענדיניע.
זי נעמט זיי אויף מיט ברייטקייט,
מיט גוטן שאָטן,
לאָקט און רופט פייגל, בינען:
„קומט, בײַ מיר איז דאָ פּרוכט
פרי אין פרילינג״.

שפּעט זומער

די פעלדער
לעכצן נאָך רעגן,
נאָך אַ טראָפּן וואַסער.
עפנט דער פויער,
עפנט קראַנעץ פון רערן,
טרינקט דאַרשטיקע פעלדער אָן,
טרינקט.

שפּריצן טראָפּנס און לײַכטן
רובינען אין זון.
שטראָמען פאָנטאַנען
פון גאָלד און פון זילבער,
אין זון בײַטן זיי די קאָלירן
ווי די פאַרבן פון רעגנבויגן.

גייסטו אין פעלד
און כאַפּסט מיט די פינגער
דאָס פליסנדיקע וואַסער
און ס'ווערט קיל דײַן האַנט
און וואַרעם דײַן בליק,
דײַן האַרץ.

שטייען שוין פעלדער
גרייט פאַר קערנער
פון נײַעם זייען,
פון ווידער גרינען,
פון ווידער וואַקסן.

האַרבסט

נעם דײַן שטרויען־הוט,
אַ בלומיק קלייד,
שיך שטאַרקע
און לאָז זיך פרי אַרויס אין פעלד.
דער באַרג רעכטס,
גרינע פעלדער פון לינקס
און דו אין דער מיטן.
איילבירטן באַגלייטן דיר
דײַן וועג.
זיי שטייען מיט גראָע קעפּ, —
זייערס אָפּגעטאָן,
באַצאָלט פאַר מענטשנס אַרבעט
און פאַר זיסן וואַסער.
די גרעפּפרוכט־ביימער,
ווי מאַמעס פרוכטיקע
שטייען מיט העלן בליק.
די קינדערלעך מיט גרינע קעפּעלער,
אין צווײַגן־הענט זיך טוליען.
זיי האַלטן זיך שטאַרק, פעסט.
אַ הירשעלע, אַ קליינס,
לויפט דיר צוטראָגן אַ גרוס —
ווער ביסטו, פון וואַנען ?
דו ציסט אויס אַ האַנט,
מיט אַ ציטערדיקן דינעם שמייכל.
און ער איז שוין נישטאָ.
געבליבן איז דיר נאָר
דײַן אייגענער שמייכל
וואָס וועט דיך באַגלייטן
אין דײַן וועג אַהיים.

אָנהייב ווינטער

שוין לאַנג ניט געהערט דעם שטיפערישן טאַנץ
פון די טראָפּנס אויף טראָטואַרן;
שוין לאַנג ניט געהערט דעם קלאַנג,
דעם ניגון פון רעגן
אויף דעכער,
אויף שויבן.
שוין ווידער קיין רעגן ניטאָ.
און מיר וואַרטן,
מיר גרייטן זיך
מיר קוקן אים אויס.
נאָר אָט איז אַן אָנזאָג,
אָט איז אַ קלאַנג,
באַלד קומט ער, באַלד קומט ער —
דער רעגן.

מיט אָפענע מײַלער
פאַרטריקנטע גרודעס
און קוסטעס פאַרשמאַכטע בייגן די קעפּ,
ווי קינדערלעך קליינע
וואָס מאַמעס מיט ליבע
זייערע קעפּעלעך צוואָגן.

האָבן גראָזן
דאָס דינע קלייד פון שטויב אויסגעטאָן,
שווענקען זיי די גלידער און ציִען זיך
וואָס מער צו כאַפּן די טראָפּנס.
זיי טרינקען, זיי זויפן,
לחיים! —
געקומען איז דער רעגן.

*

ס׳איז קורץ היינט דער טאָג
און דער אָוונט זייער לאַנג,
די זון איז נאָך ניט פאַרגאַנגען
די לבנה שוין אויף דער וואַך.
איך גיי אַהיים און
אַן אייניקל האַלט מיין האַנט —
מיר גייען זאַלבענאַנד.

דו ווייסט, זאָגט ער,
געזען האָב איך ווי ביידע מיר,
זון און לבנה אויפן הימל
גייען אויף שפּאַציר...
און וווּ זענען איצט די שטערן,
ווער היט זיי אין דער היים?

איך פאַרשטיי, זאָגט מיר דער קליינער,
בייטאָג אַרבעט די זון,
די קינדער לערנען זיך,
דער לערער היט זיי דאָרט,
ער לאָזט זיי ניט אָפּ —
איז וווּ זענען זיי אַצינד?

קוק אָן די מאַמע זייערע,
די לבנה,
ווי בלאַס איר פּנים איז...
און קום באַבע, גיכער, גיכער,
מיין מאַמע וואַרט
אַ רחמנות איז אויף איר.
אַ רחמנות.

אין קראַנק זייַן

אין אַ שווערן ווינטער־טאָג,
אין האָגל־לויף אין ווינט־געהויל,
ווילט זיך גאָר אַן אַלטער פרוי
פאַרזינגען זיך אַ ליד.

זינגען פון דער פּײַן וואָס אַרום,
וויל זי ניט,
בעסער זאָל אַ שיינער טרוים
זיך שפּיגלען אין איר ליד.

זאָלן זינגען פייגעלער,
זאָלן בליִען בלומען,
זאָלן אירע אייניקלער
צו איר בעט אָנקומען.

מאַכט זי אירע אויגן צו,
וועבט אַ זיסן טרוים,
שמייכלען אירע בלויע ליפּן
כאָטש זי אָטעמט קוים.

ווי אַ פויגל פליט זי, פליט
אַרום אויסגעחלומטע קאָלירן,
זי פאַרטרייַבט אַזוי די עלטער,
און דעם בייזן גורל אירן.

דאָס פאַרמאַטערט אַלטע פּנים
דער שמייכל טוט באַזיגן,
קומען אָן צו איר די ווערטער
מיט אַ באַזונדער ניגון.

פליִען פייגל

אַ פֿייגעלע אַליין

צווישן צווײַגן אין מײַן סאָד
צוויטשערן פֿייגל.
בײַ מײַן פֿענצטער אויף באַראָט
וואָרקען טויבן.
דער פּיקהאָלץ קלאַפּט אין נאָנטן בוים —
פֿייגל־טרוים.

פֿליִען פֿייגל אין אַ לאַנגער שורה
אין אַ קאַראַהאָד דרייען זיך
פֿייגעלעך צוזאַמען.
נאָר אָט זעסטו
אויף די דראָטן
זיצט אַליין זיך
איינס.
ווײַל דאָס פֿייגעלע אָפּרוען זיך
פֿון דעם לאַנגן וועג?
ווײַל עס קוקן גאָר פֿון אויבן
אויף דער וועלט?
צי גאָר ווײַל דאָס קליינע פֿייגעלע
פֿליִען העכער
ביז דער זון?

און אפֿשר איז דאָס פֿייגעלע שוואַך,
ס'פֿעלט אים כּוח,
בלײַבט עס זיצן
אויפֿן דראָט
אַליין.
אַליין!

*

דרײַ פייגעלעך אויפֿן גראָז
פּאָכען מיט די פֿליגעלעך,
מיד פֿון לאַנגן וועג.
רופֿט זיך אָפּ איינס
אין אומעטיק געטשוויטשער:
„כ'האָב געזען הײַנט פֿליִענדיק
אַ יונגן מענטשן
מיט נעפּט און שוועבל אין זײַן האַנט
צינדט אונטער אונדזער גרינעם וואַלד.
וווּזשע לייגן וועל איך הײַנט דעם קאָפּ?"

רופֿט זיך אָפּ אַ צווייטס:
„איך האָב פֿון הויכן דראָט
געזען אַ טראַקטאָר פֿאָרנדיק
געבראָכן האָט איילבירטן
באַדעקטע מיט פֿרוכט.
איך האָב דאָרט נעבעך גאַנצע פֿאַרבראַכט,
וואָס וועל איך איצטער טאָן?"

זיפֿצט אָפּ דאָס דריטע:
„איך קאָן דאָס ניט פֿאַרשטיין
וואָס מענטשן טוען איינס דעם צווייטן"...

פֿאַרלייגן קעפּעלעך די פֿייגל
זיי טוען זאָרגן, זאָרגן:
ווו וועלן זיי דורכקומען די נאַכט.
טוליען זיך פֿייגל איינס צום צווייטן
און קאָנען די שלעכטע מעשׂים
ניט פֿאַרשטיין.

דער הימל איז פרײַ

אין העלן טאָג
רופן פייגעלער זיך איבער:
„דער הימל איז פרײַ,
קומט, ס׳איז אָרט פאַראַן״;
און זיי קומען זיך צונויף.
אַ רויבפויגל
שפרייט אויס די קרילעס,
אַ סאַמאָטאָכע ווערט, אַ רעש
און ווידער שטיל...
אַ גרויסער פויגל
מיט גרויס גערודער,
רעש און געפילדער —
ווער איז דאָס?
ווער קען אַזאַ פויגל?
דאָס האָבן מענטשן זיך
אַ נײַעם פויגל געמאַכט,
מיט גרויע פליגל ,מיט רעש און תּאווה: —
מײַן איז דער הימל!
און פון אָט דעם פויגל
פאַלט פײַער און שוועבל
און אַלע פייגל ציטערן,
און אַלע פייגל
וווּנדערן זיך און טענהען:
דער הימל איז דאָך אונדזער,
ווי קומט אַהער
אַ שטאָלענער פויגל?!

דאָס שוועלבעלע

אַ שוועלבעלע, קליין און גראָ,
האָט פֿאַרבאָלנדזשעט
אין אַ שאַרן רעגנטאָג
צו מיר אין הויז.

אויף מײַן וועראַנדע הוידעט זיך
דאָס קליין פֿאַרמאַטערט שוועלבעלע
אויף אַ דין שטעכיק צווײַגעלע
פֿון אַ פֿריש פֿאַרזעצטער רויז.

אַן אומעטיק קול פֿון שוועלבעלע
אין מײַן האַרץ רירט אַ סטרונע,
און אין אויג שטעלט זיך אַ טרער.
איך גיי אַרײַן אין שטוב צו מיר,
איך ברענג אַרויס אַ הויפֿן ברעקלעך
שיט עס אויס פֿאַר דעם שוועלבעלע.
דערשרעקט זיך דאָס קליינע פֿייגעלע
הייבט אויף די פֿליגעלעך
און וויל שוין פֿליִען, פֿליִען.
גיי איך שנעל אַוועק און
לאָז עס פּיקן ווײַטער,

אַרבעט שוין איר שנעבעלע. און
אין לופֿט פֿאַרקלינגט אַ ניגון דאָ
אַ פֿריילעכער, אַ ליבער,
אינגאַנצן גאָר אַן אַנדערער: —
אַ דאַנק פֿאַר ברעקלעך ברויט.

זינגפֿייגעלעך

ווי נגידים —
פֿאַרפּוצט,
שוואַרצער פֿראַק,
ווײַסער קראַגן,
שאַרע הויזן,
הויכער שטאַנד.
דינע פֿיגור,
לאַנגע פֿליגעלעך
פֿאַרהויבן עק —
טרעטן זיי לאַנגזאַם,
גרויסהאַלטיק.

פּלוצלינג אַ ריס,
אַן עלעגאַנטער פֿלי
צום הימל־בלוי.

בײַם שטאַל האָב איך געטראָפֿן זיי
ווערמלעך זוכן,
אָט די אַריסטאָקראַטן,
די פֿייגעלעך די שיינע.
פֿון אונדזער ווינטער דעם באַקאַנטן
זיי זענען געסט פֿון צפֿון.
זינגפֿייגעלעך שיינע
וואָס מיר רופֿן דאָ **נחליאלי**.

זינגפויגל שוואַרצער

קליין פייגעלע,
שוואַרץ קראָעלע,
מיט דיַינע פריַינד טוסט רוען
אויף מיַין בוים.
איַער קראַקען דערמאָנען,
איַער רופן טוט מאָנען זכרונות.

גרויסע קראָען אויף שנייִיקע פּלויטן
באַדעקן די ערד.
איר זוכט און איר נישטערט,
איר שריַיט און איר מאָנט
אַ ווערימל, אַ קערענדל,
אַ קרישקעלע ברויט.
איצט האָב איך איַיך
אויף מיַין גרינעם בוים,
און מיט האַרמידער פון איַער פליִען
איבער פעלדער פּאַרזייטע.

שחרורים! —
איר וועקט מיך,
איר שרעקט מיך,
מיט קולות געשרייען,
און איך האָב געגרייט איַיך דאָס עסן
דורכן זייען אָט די פעלדער.
און דו, גאַסט פון צפון,
שוואַרצער, קליינער זינגפויגל
מוחל דיר דיַין וועקן
רוף מיך ניט צום אויפשטיין
אין רעגנדיקע טעג פון גראָען ווינטער.

די פייגל קומען

זיבן טשאַפּלעס מיט פליגל ווײַסע,
מיט פיסלעך קורצע,
אויף דער לאָנקע.
דרײַ צופּן די גרינע גראָזן
און די קערנדלעך
וואָס קי האָבן געלאָזן.

דרײַ פלוסקען זיך אין וואַסער
אין דער סאַזשעלקע דער בלויער,
רייניקן זיך,
שפּיגלען זיך,
פּוצן זיך
לכבוד דעם נײַעם יאָר.

אויף אַ צווײַגל
שטייט פאַרטראַכט די זיבעטע טשאַפּליע:
וואָס האָסטו געטאָן די נאַכט?
דרעמלסט נאָר, צי ביסט שוין וואַך?

פלוצלינג פאָכעט מיט די פליגל זי,
זי האָט זיך וואָס דערמאָנט
רופט אויס אין לופטן
צו אַ טשאַטע טשאַפּליעס:
שנת תשמ"ח איז שוין אין וועג,
ס'איז שוין סוף נאַכט.

אַ פֿויגלניגון

אַ פֿויגל
האָט אַ ניגון מיר פֿאַרצוויטשערט
אַריַין אין אויער
זיַין ליד.
האָב איך זיַין ניגון
אין ווערטער פֿאַרמויערט
אין מיַין ליד.

וויל ס׳פֿייגעלע
ביַי מיַין טיש
קרישקעלער קליַיבן,
וואַגט עס ניט.
וויל איך
פֿליגל צעשפּרייטן
מיט די פֿייגל
אין הימלען בליַיבן,
האָב איך ניט קיַין כּוח.

אוי, דער ניגון, דער ניגון.

דער פּיקהאָלץ

אַ קלאַפּ נאָך אַ קלאַפּ
ווער וועקט דאָס די שכנים
אַרום,
ווער רופט מיט זײַן טיק־טאַק
און לאָזט ניט צו רו
די מידע פון אַרבעט
וואָס לייגן זיך צו
און כאַפּן אין מיטאָג־צײַט
אַ דרימל?

דער רופער, דער צופּער
פון די ביימער אַרום —
דאָס איז דאָך דער פּיקהאָלץ
דער קליינער,
אין שוואַרצן געקליידט
מיט אַ ווײַסן האַלדזטוך,
וואָס שטעלט זיך
צו דער אַרבעט זײַנער.
מיט שוואַכן שנאָבעלע
רייניקט ער, זוכט
אַ ווערמל טיף אין בוים,
און טוק־טוקעט מיט שׂמחה,
און וועקט אויף פון טרוים
די שכנים
די מידע,
די שוואַכע.

פּאַוועס

שווערלײַביקע,
טראָט בײַ טראָט
שפּאַצירן זיי אין הויף.
פּעדער בײַ פּעדער — ער און זי.

ער אויסגעפּוצט שבת׳דיק,
די פּעדערן צעלאָזט,
די אויגן בלוי,
וואָס גרינען און פּינקלען
מיט גאָלד,
און זי — נאָך אים.

זיי האָט איציק מאַנגער
פּאַר שליחים פֿון ליבע־בריוו
געמאַכט.
און מיידלעך — זייערע באַשערטע
זוכן געשיקט אין לידער.

די מיידלעך האָבן זייערע קולות,
זייער ווילד געשריי,
ניט געקענט,
ניט געהערט.

וועל איך זיי ניט שיקן
ווי שליחים פֿון שלום,
זיי, די בעלי־בתיש־אויסגעפּוצטע,
די שווערלײַביקע,
נאָר זיי אַליין
צום נאָנטן דעכל

טוען פליִען.

נאָר אײַך, קלײנינקע,
װײַסינקע צי גראָלעכע,
װאָרקנדיקע טײַבעלעך,
אײַך װיל איך בעטן:
פליט, טײַערע,
ברענגט בריװעלעך
פון ליבע
פון שלום
צו שכנים, —
פון אײנעם צו צװײטן.
אײַך איז דאָס באַשערט.

בושלען

מיטאָמאָל
זענען די טשאַפּלעס נעלם געוואָרן
און אָנגעקומען זענען קרובים זייערע:
די בושלען.
הויכפּיסיקע.
דינער האַלדז.
לאַנגער שנאָבל.
מיט ברייטע פליגל אויפן גראָז זיך אַראָפּגעלאָזן,
און געזופּט דאָרשטיק ס׳וואַסער פון סאַזשלקע.
דערשפּירט —
דערווינט האָט די שמועה געבראַכט —
אין אונדזער טויער איז אַרײַן דאָס נײַע יאָר.
נאָך ניט גערוט
פון זומערדיקע היצן,
נאָך ניט געשיידט זיך
פון די פריִערדיקע געסט.
קומען אָן רוען מיט אונדז,
יום־טובן
זיך היימישן אויפן גרינעם גראָז,
קילן זיך בײַ דעם וואַסער.
צוזאָגן דעם ווינטער,
צוזאָגן רעגן.
אונדזערע געסט —
די בושלען.

אין זכּרון פֿאַרשריבן

*

יעדער פֿרײַנד
האָט זײַן נאָמען,
יעדער ליד
האָט זײַן ניגון.
און ווען עס חברט זיך
נאָמען מיט ניגון
היימיש ווערט דאָס ליד.
עס זינגט דעמאָלט פֿריילעך
און אַלץ ווערט פֿריש,
נײַלעך,
ווען פֿרײַנד קומען צוזאַמען
מיט ליד.

*

דער זעלבער פּייזאַזש,
די זעלבע געדאַנקען,
פליסן ווי אַ רעגן,
נאָר קיינמאָל ניט
די זעלבע טראָפּנס.
יעדער איינציקער,
יעדער איינער,
אַ נײַער.

דײַן וועג
פירט פאָרויס,
ניט קער זיך אום.
ניט גיי צוריק מיטן זעלבן וועג.
די צײַט פליסט פאָרויס,
זי קערט זיך קיינמאָל
נישט אום.

מאַמע־לשון

אַלע מײַנע אייניקלער
רעדן נאָר עברית,
נאָר דאָס קלענסטע פּיצעלע
מיט זײַן באַ־בע,
רעדט מיט מיר, אין מאַמע־לשון.
מיר פֿאַרשטייען זיך.
באַ און **בע** און **בע** און **באַ**,
ווי איך האָב זיך קליינערהייט
מיט מײַן באָבע אויפֿגערעדט.
אויך איך האָב מײַן טייערער,
גערופֿן נאָכאַנאַנד
ווען שפּאַצירנדיק אין גאַס
געזוכט כ'האָב איר האַנט.
איצט פֿאַרשטיי איך דיך
און פֿאַר דיר מײַן אָרעם איך עפֿן
ווען מיט **באַ** און מיט **בע**
דו רופֿסט מיך צו זיך.

לאָז ניט

ניט לאָז דעם כּעס
וווינען אין דײַן שטוב,
ניט לאָז אים נעכטיקן
מיט דיר;
ניט שטיין,
ניט אָנקלאַפּן אַפילו
אין דײַן טיר,
ניט שליטה קריגן
איבער דיר.
ער זאָל צו דיר
קיינמאָל ניט אַרײַן,
ער זאָל קיינמאָל
ניט זײַן דער הערשער
פון דײַן זײַן.

יעדער זאַך

װעגן יעדער זאַך
דו, דיכטער, שרײַב!
װעגן פֿייגעלער װאָס פֿליִען,
װעמענס עכאָ עס קלינגט
אין דיר,
װעגן פֿייגעלער װאָס פֿליִען,
װעגן בלומען װאָס פֿאַרבליִען —
זינג.
נאָר דעם װייטיק װאָס אַרומעט,
די צרות,
דעם אומעט,
קיינמאָל װעסטו ניט אויסשעפּן,
שטענדיק װעט בלײַבן
אין דיר
אַ ניט־דערזאָגט ליד.

אין זכרון פֿאַרשריבן

עס לײַכט דער טראָטואַר
אַ געשווענקטער פֿון רעגן,
זונענשטראַלן אין די שויבן
קלאַפּן און פֿרעגן:
געדענקסטו נאָך דעם ערשטן רעגן?
הייב איך אָן געדענקען:
אַ מיידעלע, אַ קליינס,
אין אַ פּעלץ אײַנגעוויקלט,
פֿאָרט צום זיידן אין דאָרף.
די ביימער אין וואַלד באַדעקט מיט שניי,
(די פֿעלדער אין איר זכרון דווקא גרינען),
איצט ווי מיט אַ לײַלעך צוגעדעקט
זענען ווײַסע די פֿעלדער, די ביימער
און איך, דאָס מיידל
אַליין מיטן פֿויער
אויפֿן שליטן אין וועג,
יאָ, איך פֿאָר מיר...

און פֿון ווינטער צו ווינטער
ביז הײַנט. —
אַ הויכער באַרג,
אין גרין און בלי
אַ מילדער זונענשטראַל
אַ גאָלדענער אין דער פֿרי,
אַ פֿרוי קוקט אַרום זיך
עס דאַכט איר, זי זעט דעם ווײַטן אַמאָל,
זי צעלייגט די זכרונות ווי בריוו אָנגעזאַמלט
און וויל דאָרט געפֿינען
צוזאַמען־געלייגטע ווינטערן.

אַלט־נײַע ווערטער

עס קומען אָן זכרונות
פֿונעם ווײַטן עבֿר,
מישן זיך מיט בילדער
פֿונעם נאָענטן הײַנט:

די זעלבעביימער,
די בלעטלער פֿון בלומען,
ליגן צווישן בלעטער
אין אַלבאָם פֿון געדענקען.

איך נעם זיי אַרויס
יעדערס באַזונדער,
איך צערטל זיי,
שיט זיי אויס אויף פּאַפּיר.

איך שמעק דעם ריח
פֿון אַרומיקער בלִיוּנג
און פֿיל די צערטלעכקייט
פֿון דיר צו מיר.

מישט זיך דאָס אויס
מיט געפֿילן און מיט ווערטער,
וואָס אין אותיות שוואַרצע
שרײַב איך אויף פּאַפּיר.

איך שרײַב מײַן ליד
ווי איך וואָלט עס איצט געבוירן
איך צערטל עס און ליב עס
ווי אַ מוטער איר קינד.

*

דערציייל מיר ניט פון לבנה,
דערציייל מיר ניט פון שטערן,
ניט זאָג מיר:
ס'אַ פּלאַנעטע,
די שטערן דרייען זיך
אַרום אַ גרויסער זון.
דאָרט זענען פעלדזן פּאַראַן,
בערג, טאָלן, טײַכן, ימען,
און לופט אַוודאי.
זאָג מיר ניט אַז
אפשר איז דאָ דאָרט
אַ מענטש, אַ פאָלק
אַן אויסדערוויילטס פון גאָט,
אפשר אויך דאָרטן
וואַרפט מען שטיינער
און עס גיסט זיך מענטשן־בלוט.

ניין, ניט זאָג מיר דאָס!
בײַ מיר וועט די לבנה
און די שטערן
פאַרבלײַבן תּמיד
די ליכט
אין דער פינצטערער נאַכט.

אין גרויזאַמע טעג

איך האָב אַ בוים געזען
אין בלעטערפאַל,
די צווייַגן — הענט אויסגעדאַרטע,
דער שטאַם — ברוין־צערונצלט,
ווי דאָס געזיכט פון אַן אַלטן מאַן.
די ערד אַרום —
טרוקן, גרוי.
דער ווינט נאָר ער
טראָגט מיט זיך אַ האָפענונג: —
עס וועט דאָך ווידער פרילינג זייַן,
גרינען וועט דער הוילער טרוים
און שאָטן געבן וועט דער בוים
וואָס שטייט דאָ איצט
אין בלעטערפאַל
אַליין.

איך האָב אַן אַלטן מאַן געזען, און
אַ יונגע פרוי מיט קינד בייַם ברוסט,
אין מדבר וואַנדלען;
אויסגעלאָשן זייער בליק
די ליפּן בעטן נאָר אַ שטיקל ברויט.
עס ברעכט דער ווינט זיי
עס עסט זיי די זון
און אין די נעכט וועקט זיי די קעלט.
העלף זיי מיט אַ ביסן ברויט,
פרייַנטלעכן בליק,
מיט אַ ביסל פרייד.
כאָטש מיט געציילטע
טרייסטנדיקע רייד.

מוסר אָב

וווהין מײַן קלײנינקע,
ווו אײַלסטו זיך שוואַרצחניקע,
לויף ניט אַלײן אין פעלד.
מיכל,
דאָרט זענען פאַסטעכער
יונגען בראַווע,
דאָרט דרייט זיך אויך מיט סטאַדעס שאָף
דער רויטער, דער קודראַווער,
ניט דריי זיך דאָרט
מיט שוואַרצן צאָפּ,
ניט בייג פאַר זיי דײַן שײנעם קאָפּ.
היט זיך, מיכל,
ניט הער זיך צו
צום רויטנס לידל,
און ניט צו זײַן שפּילן
אויפן פידל.
און אויב ער זאָגט דיר:
ער ליבט דיך שוין,
געדענק,
ער איז אַ שווערער פאַרשוין,
ער מיינט צוערשט
דײַן טאַטנס קרוין.
היט זיך,
היט זיך,
מיכל...

קעניגלעכער טורעם

מיכל איז אַליין.
דויד האָט געזיגט.
ביַי אים איז די פרייד,
ביַי אים — די קרוין.
וואָס איז ליבע? —
פרעגט מיכל זיך אַליין.
צי דען איז ליבע
דער טורעם און די איינזאַמקייט
וואָס איר דערוואַרט,
צי ניט פלטיאלס טרערן
אין זיַין אָנמאַכט.

געבליבן איז איר זכרונות
פון הייסער ליבע,
פון דויד׳ס קריג,
פון דוידס זיג.

קוקט מיכל אויפן הימל
דעם באַדעקטן מיט שטערן
און עס גייען איר נאָך
פלטיאל׳ס טרערן.

מיכל שיקט אַוועק דודן

האַלדז מיך, מײַן מאַן,
קוש מיך,
אַנטלויף !
מײַן טאַטע איז בייז,
ער ליבט דיך, און
האַסט דיך.
ער וויל דײַן טײַערן קאָפּ.
און איך האָב אים אָפּגענאַרט,
האָב פאַרראַטן
מײַן אייגענעם טאַטן,
פאַר דער ליבע צו דיר.
נאָר דיר וועל איך אייביק
געטרײַ זײַן.

אַנטלויף, מײַן טײַערער,
דיך וועט מײַן האַרץ באַגלייטן
ביז צו דײַן זיג,
ביז צו מײַן טויט.

פרוי און מאַן

אויג אין אויג —
צוויי גלײַכע.
מיין ניט אַז דו
ביסט דער שטאַרקער,
און איך די שוואַכע.
פון ריפּ דײַנער
בין איך געשאַפן,
אייביק צאָלן דיר
קאָן איך ניט,
וויל איך ניט,
ווײַל אויג אין אויג
פאַלן די שטראַלן
פון אונדזער בליק.
איך וויל מײַן קאָפּ
ניט בייגן,
ניט קוקן אויף צוריק.

דו,
ניט פאַל צו מײַנע פיס
ווען אין דײַן האַרץ
אַ ווײַטאָק שפּירסט
פון ליבע
צו מיר.

מיר זענען גלײַך! —
צי אויס דײַן האַנט
ווי איך צו דיר —
צוויי גלײַכע.

ניגונים

מײַן שוועסטער פריידעלען

ווי נעמט מען ווערטער
פאַר אַלע ניגונים
וואָס אין מײַן האַרץ
באַהאַלטן איך האָב ?
די ייִדישע ווערטער
זיי זאָלן באַשרײַבן
דעם ניגון פון זיידן
בײַם לערנען אַ בלאַט גמרא.
דעם ניגון פון די באָבעס
בײַם ראַמען, בײַם קאָכן
די גוטע מאַכלים
פון ייִדישער קיך,
מײַן מאַמעס ניגון
בײַם וויגל — וויגן
די קלענסטע שוועסטער
מיינע.

דעם ניגון, דעם זיסן
פון ליבע, דער מומעס,
מיט אירע בלאָנדע צעפּ
ווען מיט ביכער אין האַנט
לויפט לערנען און וויסן.

פון מיכליען, מײַן מומע,
מיטן בלוי־שוואַרצן צאָפּ
פאַרוואָרפן איבער איר אַקסל,
העלפט צו פּרנסה
און זינגט זיך איר ליד.

עלקע די קליינע,
מיט אירע צייכן און שטריקל,
וואָס געטאַנצט און געשפּרונגען און
אַ ליד שטענדיק פֿאַרזונגען
אַ לוסטיקן, פֿריילעכן ייִדישן ניגון.

ווו נעם איך די ווערטער
די וואַרעמע ייִדישע
צו די אַלע ניגונים
וואָס קלינגען אין מיר?

אין ערב יום־כּיפּור

קוקוריקו! —
רופט דער האָן
און זײַן קאַם
איז רויט ווי פײַער.
גוט מאָרגן דיר, מײַן ליבע הון,
דו לעבסט נאָך, מײַן געטרײַע?
דורכגעקומען דעם תּשמ״ז
מען קאָן שוין זײַן צופרידן,
עס שטייט שוין דער תּשמ״ח
אין טויער —
אַ שׂמחה פֿאַר ייִדן
קו־קאַ, קו־קאַ — ענטפֿערט
דאָס ווײַסע הינדל,
ניט פֿרייִלעך, מײַן ליבער,
עס איז טאַקע תּשמ״ח געקומען
ס׳איז אָבער מיט אים
אַ צרה ווידער.
געזינדיקט האָבן די פֿרומע
און דעם יאָר געגעבן אַן עין־הרעה
ווען מוזן מיר, די ווײַסע
הינער, העגער
זײַן זייער כּפּרה.

מזכּיר נשמות

מײַן מאַמע פֿלעגט אין שול
צו מזכּיר נשמות גײן,
פֿאַר איר טאַטן אײביקע רו
בעטן.

איר מאַמען האָט זי
אונטערן אָרעם געפֿירט
צוזאַמען אין גרוב געפֿאַלן —
אויף אײביקער רו.

מײַן מאַמען האָט
איר קלענסטע טעכטערל
ביזן קבר באַגלייט,
מיט באָבען און מאַמען
צו רוען.
בין איך זיי מזכּיר
נשמות.

העלע הימלען
דערמאָנען די בלויע אויגן
מײַן מאַמעס.
ברכה־װאָלקנס
זענען מײַן באָבעס שאַרע אויגן,
װאָס אָט־אָט לאָזן אַראָפּ זיי
אַ לויטערע טרער...
און איך בין זיי מזכּיר,
כ׳בין מזכּיר נשמות.

ייִדישע מאַכלים

פיש

צי האָסטו געגעסן ייִדישע פיש?
ייִדן אין אַלטער היים
פלעגן קויפן פיש,
ניט וואַרפן קײַן נעצן,
ניט באַקן זיי אויף פײַער אין די נעכט
אויף די ברעגן פון טײַך.
געקויפט,
געמאַכט,
געקאָכט אין קופּער־פּאַן.

מײַן באָבע האָט זיי געפּעפּערט,
געזאַלצן,
אַ טייל פון זיי געמאָלט,
און ציבל צוגעגעבן
און אַ שטיקל שבת־חלה;
די אַנדערע געפילט
און שטענדיק דערציילט:
„אין פּוילן באַצוקערט מען פיש,
פאַר דעם קאָכן אין פענדל",
מיר, ליטוואַקעס,
נעמען די פרישע צאַפּלדיקע פיש,
זאַלצן,
פּעפּערן,
און —
קאָכן זיי אויף שבת.

צימעס

לכבוד שבת
גרייט מען צו
אין גרויסן טאָפּ
דעם צימעס.
די מאַמע טראָגט אין שטוב אַרײַן
אַ פּולן קויש מיט מייערן,
וואַשט זיי, רייניקט, שאָבט זיי אָפּ
און די קינדער אַרום איר.
אָ, מיר וואָלטן גערן עסן
די ניט־געקאָכטע מייערן.
מיר כאַפּן זיי גלײַך פון קויש אַרויס
און גריזשען מיט די ציין.
„איר זייט דאָך ניט קיין העזעלעך" —
רופט די מאַמע זיך אָפּ.
די מאַמע גיט צו אַ ביסל זאַלץ,
האָניק,
ראָזשינקעס,
אַ קנײדל, אויך אַ ביסל הינער־שמאַלץ,
און עס קאָכן זיך די מייערעלעך,
ווערט דער צימעס פּאַרטיק
איז עס אַ זיסער צוגאָב
דער ייִדישער משפּחה.

טשאָלנט

פרײַטיק.
מאָרגן עסט מען טשאָלנט.
קלײַבט מען הײַנט בעבלעך,
מען װאַשט זײ,
די קאַרטאָפל שײלט מען,
מען שנײַדט זײ,
מ׳נעמט אַ פעט שטיק פלײש
און מ׳לײגט דאָס אַלץ צוזאַמען.
האָט איר אויף שבת
אַן עוף געשחטן —
האָט איר דאָך אַ העלדזל,
איר פילט עס אָן מיט מעל
מיט שמאַלץ,
גיט צו פעפער,
גיט צו זאַלץ,
איר נעמט אַ נאָדל,
נעמט אַ פאָדעם,
פאַרנײט פון בײדע זײַטן.
און שבת איז מנוחה —
מ׳עסט טשאָלנט.

דער קוגל

מײַן באָבע האָט אין שיסל
מעל אַרײַנגעשאָטן,
מײַן באָבע האָט אין שיסל
אַ טייג זיך אויסגעקנאָטן.
געמאַכט דערפון אַ בלאַט אַ דינעם,
מיט אירע פלינקע הענט.

אָ, זי מוז צוגרייטן די לאָקשן,
ווײַל דער אויוון ברענט.
שנײַדט זי מיט שאַרפן מעסער
דעם בלאַט אויף שטיקלעך דינע,
עס ברענט איר אונטער די הענט,
געהאַט האָט זי אין זינען דאָך
די לאָקשן, וואָס זי האָט איצט
אויפן לאָקשן־ברעט געמאַכט,
זי האָט דאָך וועגן שבת־קוגל
אַ גאַנצע וואָך געטראַכט,
זי בריט זיי אָפּ
מיט שמאַלץ, מיט ציבל
אין ליים־טעפּל זי טוט זיי אַרײַן,
גיט ראָזשינקעס צו און צוקער,
גיסט צו אַ ביסל ווײַן
און שטעלט אין אויוון באַלד אַרײַן
און שבת וועט אַ קוגל,
אַ קוגעלע זײַן.

ירושלים אין בוי

די אַלטע געסעלער דײַנע, ירושלים,
דערציילן דעם גייער:
„מיר זענען די ערשטע דאָ געווען,
לאַנג, לאַנג, פֿאַר אײַך
זענען מיר דאָ געווען,
און אונדז קומט די בכורה!"
נאָר עס ענטפערן די בויערס: —
„מיר זענען דאָ איצט,
מיר בויען די שטאָט,
מיר זענען דער הײַנט
און דער מאָרגן.
מיר בויען, מיר בליִען
מיר זענען דאָ —
דײַן הײַנט, ירושלים,
און דײַן מאָרגן.
מישן זיך הײַזער שטיינערנע
מיטן שטיין פֿון די בערג,
וואַקסט די אייביקע שטאָט.
און מענטשן פֿאַרזייען גראָז,
מענטשן פֿלאַנצןביימער.
מאַשינען וואָרצלען אויס ביימער־וואָרצלען
און עס גיסט זיך צוזאַמען
הויז, שטיין און בוים,
אַלט ירושלים און נײַ־ירושלים
און ווערן איין רינג:
דו אייביקע שטאָט,
ירושלים הבנויה!

אינהאַלט

טריט צווישן גרודעס

שטייט אַ מענטש 9
איך צייל די ווינטערס, א׳ ב׳ . 10
ר׳איז געקומען 12
פאַרנאַכטן 13
נעכט, א׳ ב׳ 14
✶ (אין די נעכט) 16
✶ (צי זענען דאָס) 17
זינגט צום פויער! 18
מחשבות אין גאָרטן, א׳ ב׳ . . 19
✶ (ניט וווּנדער זיך) 21
אין אַ רעגנטאָג 22
די פעלד־גרענעץ 23
ער שפּאַנט אין פעלד 25
מײַן חלום־שטול 26
די טרעפּ 27
מײַן שאָטן 29
אין האַלבער זומערנאַכט . . 30
אין גאַנג 31
✶ (דאָס האַרץ) 32
פון וואַנען 33
מײַן ליד א׳ ב׳ 34

בוים און גלאָק

אַ בוים מיט אַ גלאָק 37
די אַלטע שיך 40
✶ (ניט טוי) 41
אַנזאָג 42
כּפר עציון 43
ערב זומער 44
דער צירבוים 45
✶ (זיבן וואָכן) 46
אין אַ זומערטאָג 47
אין עס־זאַל 48
בערג 50
דער ציפּרעס, א׳ ב׳ 51
קנאה 53
די אַסקענדיניע 55
שפּעט זומער 56
האַרבסט 57
אָנהייב ווינטער 58
✶ (ס׳איז קורץ היינט) 59
אין קראַנק זײַן 60

פליִען פייגל

אַ פייגעלע אַליין 63
✶ (דרײַ פייגעלער) 64
דער הימל איז פריי 65
דאָס שוועלבעלע 66
זינגפייגעלער 67
זינגפויגל שוואַצער 68
די פייגל קומען 69
אַ פויגלניגון 70
דער פּיקהאָלץ 71
פּאַוועס 72
בושלען 74

אין זכרון פאַרשריבן

✶ (יעדער פרײַנד) 77
✶ (דער זעלבער) 78
מאַמע־לשון 79
לאָז ניט 80
יעדער זאַך 81
אין זכרון פאַרשריבן 82
אַלט־נײַע ווערטער 83
✶ (דערציילט מיר ניט) 84
אין גרויזאַמע טעג 85
מוסר אב 86
קעניגלעכער טורעם 87
מיכל שיקט אַוועק דודן 88
פּרוי און מאַן 89
ניגונים 90
אין ערב יום־כּיפּור 92
מזכּיר נשמות 93
יידישע מאכלים 94
ירושלים אין בוי 98